בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס ל"ה, שמיני (פרשת פרה) תשע"ט

# תוכן השיעור


"ליקוטי תפלות"!
"ליקוטי הלכות"!
הביקור ב'בראד'
'בייזער למדן'...
'כיושב בסתר לחלות פני מלך'!
'דרך הבעל שם'
א 'אינגעל' - 'מאן'
'תורה ותפלה'
ה'נודע ביהודה' ז"ל
"שולחן ערוך"
דעם רבי'נס 'חדר'...
'כי מעלת ריבוי הלימוד עולה על הכל'
'העיקר והטפל'
'תורה בטהרה'
א 'דומיט' ביים רבי'ן!
"ביים רבי'ן קען אויך אזוי זיין"...


להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה; **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 35


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של
$10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# פרשת פנחס, תשל"ד

(טייפ מס' 26#)

## "ליקוטי תפלות"!

(ההתחלה לא ברורה כל כך, מדבר מהספה"ק "ליקוטי תפילות") - "רבי אברהם ר' נחמנ'ס" האט גערעדט אמאל דאס גרויסקייט פון די תפילות פון רבי נתן'ען; מאכן א תפילה, רבי נתן בעהט 'רחם רחם', 'רבונו של עולם', 'רבונו של עולם'! אפשרייבן פון זיין מויל "רחם רחם", האט רבי אברהם ר' נחמן'ס אויסגעמאלט - **"אז דאס הארץ איז געוועז גלייך מיט די פען"!**

**דאס איז א געוואלדיגע גרויסקייט, א געוואלדיגע עמקות! א געוואלדיגע גרויסקייט ליגט אין די תפילות! בשעת איך שרייב - און דאס הארץ גלייכט זיך אויס!**

**אז דאס הארץ איז "רחם רחם" - שרייב איך "רחם רחם"! אז דאס הארץ איז צוויי מאל "רבונו של עולם" - שרייב איך צוויי מאל "רבונו של עולם"! דאס איז דאך א הארציגע זאך! דאס איז 'הארץ'!**

- אזוי האט ער גערעדט אמאל דאס גרויסקייט פון די תפילות; "דאס איז מיט הארץ"! (כאן חסר קצת)

*

(אחד מהנוכחים; רבי אברהם ר' נחמן'ס האט טאקע אויך געמאכט תפילות, ער האט דאס געשפירט), יא, אוודאי אזוי! (רבי נחמן בורשטיין ז"ל; זיינע תפילות האט ממש תורה!).[א]

"רבי אברהם ר' נחמן'ס" האט כסדר גערעדט, אז די וואס האבן געמאכט תפילות, איז עס א געוואלדיגע גרויסקייט! ס'איז דא נאך - פון די ראשונים, ס'איז דא אסאך גדולים וואס האבן געמאכט תפילות.

---

[א] ראה כוכבי אור - ששון ושמחה.

**די תפילות** (של מוהרנ"ת) **איז א געוואלדיגע גרויסקייט! ער האט דאך עס איבערגעשריבן אויך, "שרייבן א תפילה" - ליגט אין דעם א געוואלדיגער 'אמת', א געוואלדיגע 'הארץ' ליגט אין דעם שרייבן - נאך מער ווי א 'חידוש'! א 'חידוש' געדענק איך שפעטער אויך, איך האב א 'חידוש' - איך שרייב איהם אויף, אבער א 'תפילה' אויפשרייבן - מוז דאך עס זיין מיט אן 'אמת', מיט 'הארץ'!**

**א זאך וואס איך האב פריער געזאגט וועל איך איצטער שרייבן?! מוז מען דאך זאגן אז בשעת איך זאג, די תפילה מיט די הארץ איז צוזאמען! און דער שרייבן איז אויך** (מיט הארץ)**!**

**האט ער ארומגערעדט וואספארא 'אמת' עס ליגט אין די תפילות!**

(רבי נחמן בורשטיין; ס'איז דא דער 'כתב יד' פון ליקוטי תפילות, ס'איז דא אפאר בלעטלעך כתב יד, כ'האב אביסל מעיין געווען אינעווייניג, מען זעהט אין די אותיות אז ער האט נישט געקענט מצמצם זיין צו שרייבן ס'זאל זיין שיין אזוי ווי יעדע זאך, ווייל ס'איז געגאנגען א גאנג),[ב] **יא יא.**

**דאס איז א געוואלדיגע זאך, דאס איז א 'הארציגע זאך'!**

*

# "ליקוטי הלכות"!

**דער רבי האט געזאגט רבי נתן'ען, אז ער זאל אלע טאג מחדש זיין חידושים! ער האט געהאט א ציווי פונעם רבי'ן "אלע טאג מחדש זיין"!**

**איז געווען אזעלכע צייטן וואס ער האט נישט געקענט מחדש זיין, אבער ער וויל דאך פאלגן דעם רבי'ן! איז ער ארויס אין פעלד, און געהאט התבודדות, ער האט געזאגט; "איך האב אויסגעקוועטשט א חידוש פון דעם קליינעם פינגער"!**[ג]

**פארשטייסט? די חידושים פון רבי נתן'ען איז אלעס מיט 'התבודדות', איז אלעס פון די פעלדער און וועלדער! "איך האב ארויסגעקוועטשט א חידוש"!**

*

---

[ב] עי' שיש"ק ח"ה אות ק"ט.

[ג] עי' שיש"ק ח"ב אות תר"ט.

דאס גרויסקייט פון 'ליקוטי הלכות', דאס גרויסקייט פון די 'תפילות', דאס איז נישט קיין קלייניגקייט!

איי איי, אזעלכע 'תפילות', אזעלכע 'הלכות', אזעלכע 'מכתבים', און ס'גלוסט זיך צו קריגן אויף אזא אידן?! רחמנא ליצלן וואס זיי רעדן אויס אויף דעם רבי נתן'ען! אוי אוי - - -

דא איז אזא מין 'העלמה'![ד] אין עולם הבא - אין גן עדן - איז ער אזוי חשוב![ה] אז ער איז מקרב אידן צום אויבערשטן "לאחר הסתלקותו" - דאס איז דאך א געוואלדיגע גרויסקייט![ו] א קלייניגקייט?!

און דא איז אזא מין 'העלמה' דא, דא איז אזא מין 'העלמה'! מען רעדט, מען קריגט זיך מיט אונז, נאר דאס איז דאס!

וועט מען דען אראפקומען פון אויבן און געבן א געשריי מלמעלה; "וואס רעדט איר"?! ניין, דאס גייט נישט! דו ווילסט רעדן - רעד, רעד! האסט א בחירה![ז]

*

(רבי נחמן בורשטיין מספר; "רבי דוד שעכטער" דערציילט, ער האט גערעדט מיטן אלטן בראשוב'ער רב -) **איך האב איהם געקענט! א 'למדן', א 'למדן'!** (- "רבי דוד שפארבער"! אז ער איז געווען א 'למדן' רעדט מען שוין נישט, נאר ער איז געווען א גרויסער בקי אין 'ספרי דרוש' -) **איך האב איהם געהערט אסאך מאל רעדן, איך האב איהם געהערט רעדן דרוש, יא** - (ער האט געקענט רעדן אויכעט! האט ער - ר"ד שעכטער - געזעהן ווי ער לערנט "ליקוטי הלכות", ער איז געווען ביי איהם אין שטוב זעהט ער אז ער זיצט און לערנט "ליקוטי הלכות"! פרעגט ער; "פון וואנעט ווייסט איר פון דעם

---

[ד] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ס"ז ד"ה "וזה בחינת העלמה", ועי' שיש"ק ח"ב אות תרט"ז.

[ה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ו אות ג'; כִּי עִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ יִתְגַּלֶּה לֶעָתִיד לָבוֹא, שֶׁאָז יֵדְעוּ וְיִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלָּתֵנוּ. כִּי אָז יִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלַּת וְתִפְאֶרֶת הַצַּדִּיקִים וְהַכְּשֵׁרִים, אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם, "מָה רַב טוּבְךָ הַצָּפוּן לָהֶם".

[ו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' אות ד'; וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמַּגִּיעַ זְמַנּוֹ לְהִסְתַּלֵּק, וְהַנְּשָׁמָה עוֹלָה וּמִתְדַּבֶּקֶת בִּמְקוֹם שֶׁעוֹלָה, בְּעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, אֵין זֶה תַּכְלִית וּשְׁלֵמוּת, שֶׁתִּהְיֶה הַנְּשָׁמָה רַק דְּבוּקָה לְמַעְלָה. רַק עִקַּר הַשְּׁלֵמוּת שֶׁל הַנְּשָׁמָה הִיא, שֶׁבְּעֵת שֶׁהִיא לְמַעְלָה תִּהְיֶה לְמַטָּה גַּם־כֵּן...

[ז] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב קע"א; וְאָנוּ מְחֻיָּבִים לְקַבֵּל בְּמַחְשְׁבוֹתֵינוּ לִשְׁאֹר קַיָּם בְּהָאֱמֶת יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה חַס וְשָׁלוֹם "עַד אֶגְוָע לֹא אָסִיר תֻּמָּתִי מִמֶּנִּי", וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים שֶׁיַּעֲשֶׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיָּד בְּעִנְיָן זֶה, כִּי דַּרְכֵי ה' נִפְלָאִים מְאֹד, וְהַבְּחִירָה יֵשׁ לָהּ כֹּחַ גָּדוֹל מְאֹד.

ספר"? זאגט ער; "וואס הייסט פון וואנעט איך וויים?! - דערציילט ער איהם - ער איז דאך דורכגעגאנגען אזוי פיל הונדערטער ספרים, 'ספרי דרוש', און דאס איז גאר עפעס א אנדערער סארט"! ער האט איהם פארגעשטעלט עפעס - - - פרעגט ער; "איז פארוואס'זשע די וועלט קוקט נישט אין דעם ספר"? אזוי פרעגט איהם רבי דוד שעכטער, זאגט ער; "ווייל מען עפענט נישט! מען 'וויל' נישט קוקן! פשוט - מען הייבט נישט אָן! זאלן זיי אנהויבן - זאגט ער - וועלן זיי זעהן"...)

איך האב געלערנט מיט "משה'ן" (בנו?) ליקוטי הלכות, אזעלכע הלכות - אז ס'איז א געוואלד, א געוואלד, א התגלות אלקות, התגלות אלקות!

*

# הביקור ב'בראד'

(השואל; ס'איז געווען איינער וואס האט געזאגט אויף רבי נתן'ען אז "ער האט געהאט אזא מין רבי'ן וואס ער האט געלעקט האניג ביי איהם"?) דאס איז געווען רבי אורי'ס חסידים! (בשעת רבי נתן איז געווען אין 'גאליציע').[ח]

דארטן זענען געווען די תפילות, נישט אפגעדרוקט, נאר געלעגן אזוי בכתב, ס'איז געווען זייער א יקר המציאות.

ווען ער איז געווען אין 'גאליציע', איז איינער איהם געפאלן צו די פיס, "**אט דאס זענט איר - דער איד וואס האט געמאכט די תפילות**"?! "דאס זענט איר, דער איד וואס האט געמאכט די תפילות"?! און האט איהם געקושט די פיס.

די גאליציאנער אידן זענען זייער תמימות'דיגע, דער רבי האט געוואלט זיין זאך זאל קומען אויף א - - א תמימות'דיגער איד, מיט אמונה פשוטה![ט]

צוריק מיט 'הונדערט פופציג יאר' איז רבי נתן געווען דארט, ס'איז געווען אין די צדי"ק'ן (בשנות תק"צ), יא, ס'איז שוין באלד 'הונדערט פערציג יאר', (רבי נחמן בורשטיין; דאכט זיך 'ת"ר' איז געווען ווען רבי נתן האט געמאכט די גרויסע נסיעה, אין די בריוון קוקט אזוי אוים),[י] איז 'הונדערט און עטליכע און דרייסיג', ס'איז אסאך יארן.

---

[ח] עי' קונטרס טעם זקנים כ"ט - ויקהל תשל"ד, ושיש"ק ח"א אות תרנ"א.

[ט] עי' ליקוטי מוהר"ן קפ"ו; מַה שֶּׁמְּסַפְּרִין מוֹפְתִים מֵהַצַּדִּיקִים שֶׁבִּמְדִינוֹת קיר"ה (דְּוִין), הוּא מֵחֲמַת שֶׁאַנְשֵׁיהֶם הֵם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים וּמַאֲמִינִים בְּהַצַּדִּיקִים...

[י] עי' עלים לתרופה, ממכתב ש"י עד שי"ז.

זיי זענען געוואלדיג, געוואלדיג, געוואלדיג נתפעל געווארן! זיי זענען מיט אזא מין אופן נתפעל געווען פון נתן'ען, אַה!

רבי נתן שרייבט דארטן אין דעם מכתב דארטן; ווען ער איז שוין אוועקגעפארן, שוין געזעגנט און געפארן, איז איינער א דיין א גרויסער למדן - ס'איז געפארן דאס פירל אזוי לאנגזאם, אז ממש ס'איז געפארן 'טרעטן טרעטן', איז ארום און ארום זענען געגאנגען אסאך מענטשן, ארום און ארום, זיי זאל הערן וואס רבי נתן רעדט, "האבן זיי מיר געעפענט דאס מויל, און איך האב זיי געזאגט תורה פון 'הניעור בלילה', דאס התפעלות וואס ס'איז געווען פון די תורה, א געוואלד, זיי זענען ממש ארויס פון די כלים"![יא]

רבי נחמן טולטשינער איז געווען שוין יארן שפעטער, האט ער געפונען מענטשן וואס זיי זענען מקיים די תורה 'הניעור בלילה', אזעלכע חברה וואס האבן מקיים געווען די תורה פון 'הניעור בלילה' וואס זיי האבן געהערט די תורה פון רבי נתן'ען![יב]

א 'גרויסער בריוו' - "האבן זיי מיר געעפענט דאס מויל, און געזאגט די תורה פון הניעור בלילה"!

אה, רעדט ער דארטן מיט א געוואלדיגע התפעלות ווי זיי זענען ארויס פון די כלים, זיי האבן נישט געוואוסט ווי אזוי צו לויפן און טוהן זיך - - -

*

(רבי נחמן בורשטיין; ער שרייבט טאקע - רבי אברהם ר' נחמן'ס - פונעם טאטן, אז דער טאטע האט איהם דערציילט, אז בשעת ער האט געענדיגט מעתיק זיין דעם ליקוטי הלכות, האט איהם רבי נתן געפרעגט; "צו האסטו געשפירט א התנוצצות אלקות"?! האט ער איהם געענפערט "יא"!)[יג] ער האט אזוי געפילט - "איך האב געמוזט אוועקלייגן די פען און אויפהערן צו שרייבן", אזוי האט איהם רבי נחמן געזאגט "**איך האב אזוי געפילט, איך האב געמוזט אוועקלייגן די פען און אויפהערן צו שרייבן**"!

*

[יא] עי' עלים לתרופה מכתב שי"ז.

[יב] עי' שיש"ק ח"ב אות תקפ"ו.

[יג] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות מ"ז.

(רבי נחמן בורשטיין; איר האט נישט דא די בריוון ביי איך?) יא, זיי ליגן דארטן אינעווייניג אין שאפע - דארט ליגן זיי, (קורא מתוך מכתב שי"ז); "אַחַר כָּךְ בְּעֹצֶם תְּשׁוּקָתָם פָּתַחְתִּי פִּי בְּחַסְדּוֹ וִישׁוּעָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְסִפַּרְתִּי לָהֶם אֵיךְ נֶאֶמְרָה הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה "הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי" וְכוּ', וְאָמַרְתִּי לִפְנֵיהֶם כָּל הַתּוֹרָה הַנּוֹרָאָה הַזֹּאת. וְהוֹדַעְתִּי לָהֶם הָאֱמֶת שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל הִזְהִיר מְאֹד לִבְנֵי הַנְּעוּרִים לְפָרֵשׁ שִׂיחָתָם לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם וּבִפְרָט בַּלַּיְלָה וּבַדֶּרֶךְ יְחִידִי, עַד שֶׁיְּכוֹלִים לִזְכּוֹת עַל יְדֵי זֶה לְהִכָּלֵל בְּחִיּוּב הַמְּצִיאוּת, וּלְהַעֲלוֹת כָּל הָעוֹלָם הַתָּלוּי בּוֹ לְהִכָּלֵל בּוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא מְחֻיַּב הַמְּצִיאוּת וְכוּ'.

וְכַמָּה בְּנֵי הַנְּעוּרִים הָלְכוּ בְּצַד הָעֲגָלָה וְאַחֲרֶיהָ, כִּי הָלְכוּ בְּרַגְלֵיהֶם מִשָּׁם עַד הַגְּרֶענִיץ שֶׁהוּא קָרוֹב לְפַרְסָה. וְכֻלָּם עָמְדוּ מַרְעִיד וּמִשְׁתּוֹמֵם תְּסַמֵּר שַׂעֲרוֹת בְּשָׂרָם כִּמְעַט שֶׁיָּצְאָה נַפְשָׁם. וְאֶחָד מֵהֶם הָיָה דַּיַּן דִּקְהִלַּת בְּרָאד, מֻפְלָג גָּדוֹל בַּתּוֹרָה, שֶׁיּוֹדֵעַ לוֹמַר פְּשָׁטִים נִפְלָאִים גְּדוֹלִים בַּגְּפ"ת, וְגַם הַשְּׁאָר הָיוּ לוֹמְדִים וַחֲשׁוּבִים, כֻּלָּם נִבְהֲלוּ מִשְּׁמֹעַ לֹא יָדְעוּ מַה לַּעֲשׂוֹת.

וְגַם אֲנִי בְּעַצְמִי וְרַבִּי נַחְמָן הִזְכַּרְתִּי עַצְמִי מֵחָדָשׁ הֵיכָן אֲנַחְנוּ בָּעוֹלָם שֶׁזָּכִינוּ לִשְׁמֹעַ כָּזֹאת, וַעֲדַיִן מִתּוֹרָתוֹ אָנוּ רְחוֹקִים. וַאֲנִי צוֹעֵק בְּלִבִּי עַתָּה עַל הַיָּמִים שֶׁעָבְרוּ כַּמָּה שָׁנִים, שֶׁלֹּא זָכִיתִי לְקַיֵּם זֹאת מֵרִבּוּי הַמְּנִיעוֹת, אֲבָל אֲנִי מְשַׂמֵּחַ עַצְמִי עַל הַמְּעַט דִּמְעַט שֶׁזָּכִיתִי לִפְעָמִים לְקַיֵּם מְעַט מִזֶּה. וְגַם מַה שֶּׁזָּכִינוּ לְפָרֵשׁ שִׂיחָתֵנוּ בַּיּוֹם וְכוּ' הוּא גַּם כֵּן יָקָר מְאֹד מְאֹד, כִּי לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לְקַיֵּם כָּל הַנַּ"ל בִּשְׁלֵמוּת. וְאַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לְהִתְבּוֹדְדוּת אֲפִלּוּ בַּיּוֹם, אֲבָל אַשְׁרֵי וְאַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לְקַיֵּם בִּפְשִׁיטוּת הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְכוּ' וְכוּ'".

ס'געווען אידן וואס זענען געגאנגען א גאנצע נאכט, א גאנצע נאכט! א ווינטער נאכט!

(רבי נחמן בורשטיין, ער שרייבט דארט; אז ער שרייבט נאך דעם בריוו פאר'ן דאווענען, ווייל ס'איז "תלמוד תורה דרבים, ואולי יזכה על ידי זה אחד להתעורר" -).

*

דאס איז געוואלדיג, געוואלד, אויסמאלן דאס גרויסקייט פון דעם רבי נתן'ען, ס'איז א געוואלד!

און די 'העלמה' איז אזוי גרויס אין דער וועלט, אויף דעם אידן קען מען נאך היינט אזוי רחמנא ליצלן אזוי מגנה זיין, אזוי מבזה זיין, מיט אזעלכע דיבורים, ס'איז א געוואלד, ס'איז א געוואלד, ס'כאפט א ציטערניש צו הערן! איך הער נישט 'וואס', אבער מען דערציילט פון מענטשן! - - - (חסר)

*

## 'בייזער למדן'...

- - - דער חילוק פון דרך "הבעל שם הקדוש", איז אז דער 'בעל שם' האט א זאג געגעבן, "ער איז געקומען **אויף דער וועלט - אויסרייסן דעם בייזן למדן**"![יד]

דעמאלטס איז געוועזן די גאונים פון דער וועלט! דער 'נודע ביהודה', ס'איז געוועזן דער 'חכם צבי' - דעם עמדין'ס פאטער, און ס'איז געוועזן דער 'פני יהושע', געוואלדיגע גאונים געווען אין דער וועלט, און געוואלדיגע גרויסע צדיקים געווען, גרויסע מענטשן געווען!

איז וואס איז דער "בייזער למדן"? ווארום אין די צייטן פאר'ן בעל שם, איז געווען אזויפיל עמי-הארצים אויף דער וועלט, ריכטיגע עמי-הארצים איז געווען אויף דער וועלט, זיי האבן נישט געהאט קיין שום ידיעה אין אידלקייט, עמי-הארצים גמורים!

פון וואנעט האט זיך דאס גענומען? ס'איז דאך אזעלכע גאונים געווען אויף דער וועלט?!

דער תירוץ איז געווען אזוי, די עמי-הארצים האבן נישט געהאט קיין שום שייכות מיט זיי! וואס האט געקענט האבן אן עם-הארץ א שייכות מיט'ן 'נודע ביהודה'?! וואס האט ער געקענט האבן א שייכות מיט'ן 'פני יהושע'?! זענען זיי געווען זייער פארגרעבט!

איז געקומען דער בעל שם הקדוש, און האט אנגעהויבן חבר'ן זיך מיט די ארענדארעס, אנגעהויבן חבר'ן זיך מיט זיי, און ס'איז געווארן - ער האט זיי געמאכט פאר מענטשן! זיי האבן געהאט א שייכות, און ס'איז געווארן - מען האט אכטונג געגעבן!

---

[יד] עי' אבני"ה ברז"ל שו"ם מוהרנ"ת ז"ל אות מ"א, ועי' גם שיש"ק ח"ב אות תקי"ז.

דער "בייזער למדן" האט געהייסן; "א למדן - און נאר פאר איהם אליין"! ער איז א 'למדן', אבער די וועלט (אנשים פשוטים) האט פון איהם גארנישט!

דער 'נודע ביהודה' האט געהאט דארטן זיינע תלמידים, ער האט געלערנט מיט זיי, אבער דער פראסטער עולם איז געגאנגען צו גרונד! וואס האט ער זיך געקענט חבר'ן מיט זיי?!

דער רבי האט זיך שוין 'נאך מער' אראפגעלאזט! נאך מער פראסטער!

און דאס איז דער רצון פונעם אויבערשטן! דער רבי זאגט; "דער עיקר פונעם אויבערשטנס 'כבוד' איז נאר אז די רחוקים ווערן געוואויר פונעם אויבערשטן"![טו] דאס איז דער עיקר דעם אויבערשטנס כבוד! נו, דאס איז געווען דער גאנג פונעם 'בעל שם הקדוש'.

אפילו ביים 'מגיד' איז שוין אויך געווען אביסל שארף! דער מגיד איז געווען זייער שארף! דער מגיד האט געהאט 'דריי הונדערט תלמידים', אלע געווען בעלי רוח הקודש! אבער ווער האט געקענט זיצן ביים מגיד'ס טיש?! נישט יעדער איינער האט געקענט צוגיין צום טיש! ס'איז געווען שארף!

די תלמידי המגיד האבן שוין אביסעלע געמאכט קלענער די זאך, אביסל אראפגעלאזט מערער, מען זאל יא קענען (צוקומען צו זיי)!

ביים רבי'ן - האט דער רבי זיך גאר אראפגעלאזט! אז יעדער איינער קען זיך מקורב ווערן, אפילו דער וואס די 'שאול תחתית' איז פאר איהם קארג - קען ער אויך מקורב ווערן![טז]

(רבי נחמן בורשטיין; "רבי יחיאל מענדל" שרייבט אין 'שיר ידידות'; רבנים, ראשי ישיבות, תופסי התורה, לערנט זיך אפ פון רבי נתן'ען! - וואס ער איז געווען א גרויסער למדן, וואס ער איז געווען בקי בכל חדרי תורה, נאר "ואת הלמדן הקפדן" - דעם בייזען למדן - האט ער מרחק געווען! פון איהם זאלט איר זיך לערנען!).[יז]

---

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ד אות ב';

[טז] עי' חיי מוהר"ן אות ש"י.

[יז] עי' קונטרס 'שיר ידידות' לרבי יחיאל מענדל ממעדוועדיבקע ז"ל, חרוז ט"ז; נְזִירֵי וּפְרוּשֵׁי וְיוֹשְׁבֵי יְשִׁיבוֹת מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל עִמֵּנוּ, הַשּׁוֹקְדִים עַל דַּלְתֵי הַלִּמּוּד הַנִּגְלֶה וְאוֹתוֹ בְּחָרוּהוּ. וְאֶת הַלִּמּוּד הַנִּסְתָּר וְדֶרֶךְ הַחֲסִידוּת רִחֲקוּהוּ, אֵלָיו תֵּלְכוּ וְאֶת דֶּרֶךְ הָאֱמֶת מִמֶּנּוּ תִּדְרְשׁוּ. וְאֶת הַלַּמְדָן הַקַּפְּדָן וְאֶת הַלִּמּוּד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ

*

# 'כיושב בסתר לחלות פני מלך'!

**דער עיקר זאך - דער רבי האט מרכיב געווען 'תורה' מיט 'תפילה'!**

"רבי אהרן דער רב" (הרב מ'ברסלב), רבי נתן איז אריינגעקומען, האט ער איהם געזעהן ווי ער איז געזעצן מיט פארוויינטע אויגן! מיט פארוויינטע אויגן איז ער געזעצן!

דער רבי האט געשיקט רבי נתן'ען א שליחות צו 'רבי אהרן דער רב', ביים אנהויב התקרבות, רבי אהרן איז דאך אויך ארוים קיין ברסלב צוזאמען מיט'ן רבי'ן,[יח] האט דער רבי געשיקט א שליחות, ער זאל אריינגיין דארטן צו 'רבי אהרן דער רב', איז ער אריינגעגאנגען - א שליחות דארטן, האט דער רבי איהם געפרעגט; **"וואס טוהט דארטן מיין אהר'עלע"?** דער רבי פלעגט איהם אזוי רופן, האט רבי נתן געזאגט; **"איך האב איהם געטראפן זיצן מיט פארוויינטע אויגן"!**

נו, א געוואלדיגער גאון איז געווען 'רבי אהרן דער רב', "איך האב איהם געטראפן זיצן מיט פארוויינטע אויגן"!

האט דער רבי געזאגט; **אויף איהם זאגט מען דעם** "כיושב בסתר לחלות פני מלך מראה כהן"![יט]

(השואל; דער רבי האט עס געזאגט?) **יא, אויף איהם! 'רבי אהרן דער רב'!**

---

תַּשְׁלִיכוּ, יַעַן שֶׁהָיָה לַמְדָן מֻפְלָג בַּתּוֹרָה אֵין כָּמוֹהוּ. בָּקִי בְּכָל חַדְרֵי הַשַּׁ"ס וּבְפּוֹסְקִים רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים אֵין דֻּגְמָתוֹ, וּבִפְרָט בְּקִיאוּתוֹ בַּתּוֹסָפוֹת אֵין עֶרְכֵּהוּ. כַּאֲשֶׁר כַּמָּה לוֹמְדִים גְּדוֹלִים עָלָיו הֵעִידוּ, וּבְכָל זֹאת מִן הַחֲסִידוּת הָאֲמִתִּי וְלִמּוּד הַנִּסְתָּר לִבּוֹ לֹא נְטוּהוּ. וְעָסַק בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וַעֲבוֹדָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם גֵּאוּת וְגַבְהוּת כְּלָל כָּרָאוּי. יַעַן כִּי כֵן קִבֵּל מֵרַבּוֹ, אֶת הֶחָסִיד וְאֶת הַלַּמְדָן שְׁנֵיהֶם יַחַד לְבַלְלֵהוּ, כַּאֲשֶׁר מוּבָן שֶׁדָּבָר זֶה מִסִּפְרֵי לִקּוּטֵי הֲלָכוֹתֶיךָ.

[יח] עי' שיש"ק ח"ב אות קמ"ה, ועי' גם כוכבי אור - צוואת הרב מ'טשעהרין ז"ל, ואבני"ה ברזל - שו"ס מרביז"ל אות נ"ב.

[יט] עי' שיש"ק ח"ב אות רס"ד, ועי' הקדמת השתפכות הנפש; וּפַעַם אַחַת אָמַר שֶׁיְּכוֹלִין לְהַכִּיר בְּאֶחָד אִם יֵשׁ לוֹ הִתְבּוֹדְדוּת הַיְנוּ כִּי עַל-יְדֵי-זֶה נִתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו בּוּשָׁה וְיִרְאָה גְּדוֹלָה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְלֹא לְחִנָּם מְתָאֵר הַפַּיְּטָן אֶת מַרְאֵה הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל בְּצֵאתוֹ מִבֵּית קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים כְּיוֹשֵׁב בַּסֵּתֶר לְחַלּוֹת פְּנֵי מֶלֶךְ מַרְאֵה כֹהֵן.

(רבי נחמן בורשטיין; ס'איז נישט געווען עפעס אז רבי אהרן האט געדאווענט עפעס א מנחה איסגעדרייט צום וואנט?) **ניין, דאס איז געווען פשוט - אזוי געווען, ער האט איהם געטראפן זיצן מיט פארווייניטע אויגן!**

**א 'מנחה' איז געווען ביי רבי יהושע'לע פון ז'ורין,** (רבינו אמר) **"א שטיק מנחה"!**[כ]

*

**ס'איז דא אן אנדער לשון, עס שטייט א לשון אין פסוק;**[כא] **"כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו, כי מלאך ה' צבאות הוא", זאגט רבי יוחנן; "אם הרב דומה למלאך ה' צבאות יבקשו מפיהו, ואם לאו אל יבקשו".**[כב]

*

# 'דרך הבעל שם'

**זיי** (- הבעל שם ותלמידיו) **האבן אריינגעבראכט דעם ענין - די חשיבות פון תפילה! איז געווארן 'תורה' מיט 'תפילה', און דאס האט שוין געמאכט אסאך מקורבים! אין דעם קענען אויך פראסטע מענטשן האבן א געפיל, איז שוין געווארן א וועלט, ס'איז געווארן! 'תורה' מיט 'תפילה'!**

**כל זמן ס'איז געווען 'תורה' אליין, איז געווען גרויסע מענטשן, ביי זיי איז געווען א גרויסע סארט תורה, אבער דער פראסטער עולם איז געפאלן אינגאנצן, זיי זענען געווען ווייט פון תורה!**

**און א 'התקרבות' - וואס קען דער פראסטער מענטשן האבן?! איז טאקע דער עולם געווארן זייער פארגרעבט, ממש בעלי עבירות איז געווען אין דער וועלט, זיי האבן גארנישט געוואוסט! דאס איז געווען א געוואלדיגע זאך, "איר זענט 'גאונים', און די גאנצער עולם פאלט"?! "דער פראסטער עולם פאלט אינגאנצן"!**

---

[כ] עי' אבני"ה ברזל - שו"ס מרביז"ל אות כ"ה.

[כא] מלאכי ב' ז'.

[כב] חגיגה דף ט"ו ע"ב. ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"א; **וְזֶהוּ: 'אִם הָרַב דּוֹמֶה לְמַלְאַךְ ה' צְבָאוֹת' וְכוּ' ... כִּי כָּל צַדִּיק צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לַמְדָן בַּתּוֹרָה, וְחָסִיד בְּמַעֲשִׂים טוֹבִים, כִּי אִם אֵינוֹ לַמְדָן, אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: 'וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד', וְלַמְדָן בִּלְבַד בְּוַדַּאי אֵינוֹ כְּלוּם, כִּי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת לַמְדָן וְרָשָׁע גָּמוּר, וְלֹא זָכָה נַעֲשֶׂה לוֹ סַם מָוֶת, עַל כֵּן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לַמְדָן וְחָסִיד, וּשְׁתֵּי בְּחִינוֹת אֵלּוּ הֵם בְּחִינוֹת: 'מַלְאַךְ ה' צְבָאוֹת'.**

איז געקומען דער בעל שם הקדוש, זיי האבן שוין אנגעהויבן מקרב צו זיין זיי, אויפהייבן זיי, תהלים'ניקעס, אויפגעהויבן, און מען האט מטהר געווען די וועלט!

*

דאס אייגענע איז געווען ביי "רבי חיים וויטאל", רבי חיים וויטאל איז דאך אין דמשק, ער ליגט אין דמשק, א מעשה געווען דארטן ווי ער איז אוועק, איז א שטיקל צייט איז דער אר"י הקדוש נישט געקומען צו איהם דארטן - לאחר הסתלקותו.

שפעטער ווען ער איז געקומען, האט ער איהם געזאגט; "דו האסט זיך אוועקגעזעצט אין דמשק, און דו לערנסט, דו ווייסט נישט וואס טוהט זיך אין דמשק"?! רחמנא ליצלן - געווען א קליפה דארטן, א טומאה מיט פגם הברית, א געוואלד, "און דו ווייסט גארנישט וואס טוהט זיך דארטן אין דמשק?! אט דאס זיצטו אין דמשק"?! דמשק איז געווען פון די גרויסע שטעט, פון די וועלטס שטעט, "דערפאר בין איך נישט געקומען צו דיר! דו זיצט אין דמשק, און ארום וואס טוהט זיך ארום דיר קוקסטו גארנישט"?!

נו, דאס איז דער וועג שוין פון צדיקים, אז א צדיק איז דא אין א שטאט דארף ער מטהר דער שטאט!

אז דער רבי האט א זאג געגעבן אמאל צו "אברהם'לע פייעס"; "אז דער בעדער מיט די בעדערין צוקריגן זיך, טוהט ער אן עבירה און זי טוהט אן עבירה, גיי מאך שלום צווישן זיי"![כג]

שוין, דאס איז שוין געווען דער וועג פון די צדיקים, זיי האבן געוואוסט אז דאס איז דער רצון פונעם אויבערשטן, מען דארף זעהן מטהר זיין, "דו ביסט אין א שטאט דארפסטו מטהר זיין דיין שטאט - וויסן וואס טוהט זיך אין שטאט"!

(אחד הנוכחים; ביי רבי שמעון שטייט "טיהר את עיר טבריא") **יא יא.**

(אחד הנוכחים; דער רבי האט מטהר געווען די שטאט אומאן, דער רבי האט מקרב געווען די מחקרים)

**יא יא, און גאנץ** (כלליות ישראל) **נישט נאר** (המחקרים)**, נאר אלעם!**

*

[כג] עי' אודותיו בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות מ"ג (ב'), ועי' קונטרס טעם זקנים כ' - ואתחנן תשמ"א.

דער 'בעל שם הקדוש' איז אויך געגאנגען אזוי! און דער 'מגיד' איז געגאנגען אביסל שארף, מען האט געציטערט פאר'ן מגיד א געוואלד! ווער האט געקענט צוטרעטן צום מגיד?! אה, געוואלד.

דער בעל שם הקדוש האט זיך אראפגעלאזט צו יעדן איינעם, גערעדט מיט יעדן איינעם! דער רבי האט שוין געזעהן נאך - נאך קלענער, נאך קלענער און נאך קלענער, מקרב זיין יעדן איינעם, מקרב זיין, מקרב זיין, און דאס איז דער רצון פונעם אויבערשטן! דאס וויל דער אויבערשטער!

און מען דארף דאך טוהן דעם אויבערשטנס רצון, איז דארף מען גארנישט קוקן אויף זיך, דאס וויל דער אויבערשטער!

*

(רבי נחמן בורשטיין; אין 'חיי מוהר"ן' שטייט, אז מען האט געזאגט פארן רבי'ן, אז וואו דער מגיד האט געקוקט האט ער געזעהן די שבעה רועים, האט דער רבי געזאגט -) **"אויף דעם מגיד איז אלדינגס צו גלייבן"!**[כד]

דער מגיד איז געווען געוואלדיג גרויס, 'דער מגיד'! עפעס א קליינינקייט? דער מגיד! געוואלדיג גרויס.

נישט יעדער איינער קען דאס! דאס איז דאך א געוואלדיגע 'אומנות'! אז דער מענטש איז אזוי גרויס - אזוי הייליג - אין די עולמות, יא - ס'איז א געוואלד! שרפים ואופנים ציטערן פאר איהם! און אראפלאזן זיך פון דעם דביקות?!

דער רבי זאגט;[כה] אזא תענוג איז נישטא - ווי זיין א מחפש בגנזיא דמלכא! אזא מין תענוג איז נישטא אין דער וועלט!

און ער וויל זיך אראפלאזן זיך, מקרב זיין אידן צום אויבערשטן?! דארף ער דאך אלעם אוועקלייגן! און ס'איז א געוואלד! נישט יעדער איינער קען דאס!

---

[כד] עי' חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רע"ה.

דער רבי זאגט אין די תורה פון 'תקעו אמונה';[כו] "**וחמלתי עליהם כאשר יחמול איש על בנו העובד אותו**", ער איז א 'בן' - און ער איז א פראסטער 'עבד'! און דער רבי זאגט; אז אפילו וואס "**משה בחייו לא השיג**" איז ער אויך משיג!

"משה בחייו" - זאגט דער רבי - הייסט א 'בן' אליין, און דאס איז - א 'בן' און א 'עבד'! ער איז א 'בן' און ער טוהט זאכן אזוי ווי א 'עבד'! איז דער אויבערשטער האט אזוי רחמנות, אז ער איז איהם מגלה אפילו די זאכן וואס משה אליין האט אויך נישט - (משיג געווען בחייו)!

איז דאך עס א געוואלדיגע זאך! א 'בן' און א 'עבד', דאס איז געווען די גרויסע - ער איז א 'בן' און ער טוהט א פראסטע 'עבדות', ער זוכט, און לויפט, און פליט, און איז מטהר - ער גייט און רייניגט! און - ער איז א 'בן'!

ווייזן ווייזט טאקע אוים - אז נישט יעדער איינער קען דאס! דאס ווייזט אודאי אוים! צוריק אבער - אבער די וואס קענען נישט - דארפן ווייסן אבער אז דער גרעסערער קען יא! דאס דארפן זיי ווייסן! ממילא דארפן זיי האבן א ביטול פאר דעם גרעסערן וואס ער קען יא![כז]

דער רצון פונעם אויבערשטן איז אז ס'זאל אזוי זיין! איי, איך קען דאס נישט? איז א גרעסערער קען יא! דארף ער האבן א ביטול פאר איהם!

* * *

# א 'אינגעל' - 'מאן'

(רבי נחמן בורשטיין; איך האב געהערט אז רבי נתן האט עפעס אמאל געזאגט "**אט איז 'נאך' נישטא פון וועמען צו רעדן, אט איז 'שוין' נישטא פון וועמען צו רעדן**") **דאס - יא!**

---

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ה' אות ט"ו; כִּי אֲפִלּוּ הַבֵּן, שֶׁהוּא מְחַפֵּשׂ בִּגְנָזַיָּא דְּמַלְכָּא, אַף־עַל־פִּי־כֵן יֵשׁ מְקוֹמוֹת שֶׁגַּם הַבֵּן אָסוּר לִכָּנֵס לְשָׁם, הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ הַשָּׂגוֹת, שֶׁגַּם הַבֵּן אֵינוֹ מַשִּׂיג אוֹתָם, אֲבָל עַל־יְדֵי שֶׁהַבֵּן מְסַלֵּק כָּל חָכְמָתוֹ וּמַשְׁלִיךְ עַצְמוֹ לַעֲבְדוּת כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה אָבִיו מְרַחֵם עָלָיו וּמְגַלֶּה לוֹ מַה שֶּׁאֵינוֹ נִמְסָר אֲפִלּוּ לְבֵן, הַיְנוּ שֶׁנִּתְגַּלֶּה לוֹ בְּחִינַת 'צַדִּיק וְרַע לוֹ, רָשָׁע וְטוֹב לוֹ', שֶׁגַּם מֹשֶׁה בְּחַיָּיו לֹא הִשִּׂיג זֹאת. וְזֶהוּ בְּחִינַת (מַלְאָכִי ג): "וְחָמַלְתִּי עֲלֵיהֶם כַּאֲשֶׁר יַחְמֹל אִישׁ עַל בְּנוֹ הָעֹבֵד אֹתוֹ".

[כז] עי' היטב ליקוטי הלכות הל' נדרים ד' אות י"ד והלאה, ועי' גם שם הל' רבית ה' אות כ'.

דער רבי האט טאקע געהאלטן זייער, אז מען דארף חתונה האבן יונג! פלעגן אונזערע לייט זאגן אז; **"א אינגעל-מאן דאס איז א אינגערמאן"!**[כח] א "אינגעל-מאן", אט איז ער א 'אינגעל' - איז ער שוין א 'מאן'.

(השואל; דער רבי האט נישט געוואלט רעדן מיט בחורים, דער רבי האט געזאגט ער זאל ברענגען א טלית?) ער האט געזאגט (פעם למקורב חדש); **"פאר אהיים, האב חתונה, קום צו מיר - איך האב מיט דיר וואס צו רעדן"!**

רבי נתן האט געזאגט; **"א אינגערמאן - אז ער וועט מיר זאגן אז ער איז אן ערליכער, וועל איך איהם גלייבן"** - אז ער וועט מיר זאגן - **"א בחור וועט מיר זאגן אז ער איז ערליכער, וועל איך איהם נישט גלייבן"!**[כט]

* * *

# 'תורה ותפלה'

איך האב נעכטן מנחם אבל געווען דארטן ביי רבי עמרם'ן, איז געזעצן דארט איינער, איך ווייס נישט ווער ער איז, אן עלטערער מענטש, ער איז געזעצן דארטן, מען האט איהם זייער נוהג כבוד געווען, ווייזט אויס עפעס א ראש הישיבה, א גרויסער, האט ער גערעדט פונעם 'מסילת ישרים' שטארק, ער האט גערעדט עפעס אווארט - פונעם 'גאון' צו פון וועמען; "דער אויבערשטער האט אזוי געזאגט, 'בראתי יצר הרע - איך האב באשאפן, איז ווייס איך דאך ווי אזוי ער איז גרויס, ווייס איך דאך וואספארא כח ער האט! אבער אן אנדער עצה האט ער נישט - נאר תורה"! שוין, ער האט אזוי גערעדט.

קיין אנדערע עצה איז נישטא אנטקעגן איהם, נאר תורה! נו, און דער רבי זאגט "ס'דארף זיין תורה מיט תפילה", "תורה מיט תפילה" - קעגן דעם יצר הרע! פארוואס? ווייל 'תורה אליין' איז נאך נישט - (געגוג).

(רבי נחמן בורשטיין; די גמרא זאגט דאך; "כל האומר אין לו אלא תורה - אפילו תורה אין לו"),[ל] יא.

---

[כח] עי' שיש"ק ח"ד אות תקל"ד.

[כט] עי' אבני"ה ברזל - שו"ם מרבי נחמן טולטשינער ז"ל.

[ל] עי' יבמות דף ק"ט ע"ב.

איך האב נישט געוואלט דארטן מישן זיך, איך האב מנחם אבל געווען, און גלייך אוועק, און שוין.

נאר איך האב געזעהן אז ער האט גערעדט אזוי; "'בראתי יצר הרע' - ווייס איך דאך ווי אזוי דער יצר הרע איז גרויס, זאג איך אייך, 'נאר תורה' איז אנטקעגן איהם, אן אנדער עצה איז נישטא"!

אבער דער רבי האט מודיע געווען אז מען מוז האבן 'ביידע' - 'תורה' מיט 'תפילה'! תורה מוז האבן תפילה!

אין די פריערדיגע דורות איז געווען 'תורה בטהרה' האט מען געקענט גיין מיט תורה אליין,[לא] היינט מוז מען האבן תורה מיט תפילה, ביידע צוזאמען!

(אחד הנוכחים; איך האב געזעהן טאקע אין 'מדרש שיר השירים' אויף "הנך יפה רעיתי", לויט איינער פון די פירושים דארט, "אז איינער לערנט און ער דאווענט נישט, איז די תורה א תועבה"!).[לב]

מען מוז האבן תורה מיט תפילה - פשוט 'אסאך'! נישט נאר אויף די דריי תפילות פון דאווענען, נאר פשוט בעטן דעם אויבערשטן אסאך! דער ענין פון 'התבודדות', אסאך בעטן דעם אויבערשטן מען זאל ניצול ווערן פון דעם רע וואס ס'איז איצטער דא! און אז די תורה זאל זיין ערנסט - תורה פאר'ן אויבערשטנס כבוד וועגן! דערפאר מוז מען אנקומען צו די 'כלי זיין' פון תפילה!

*

# ה'נודע ביהודה' ז"ל

אין די פריער'דיגע דורות איז געווען אידן, מען קען זאגן? "הייליגע מענטשן"! דער 'נודע ביהודה', אידן צדיקים, געוואלדיגע מענטשן זענען זיי געווען!

מען האט שוין גערעדט אמאל, ביי דעם 'נודע ביהודה' איז געווען אז דער 'גראף' וואס איז געווען דארטן אין בראד, ער איז געווען א געוואלדיגער צורר היהודים, א געוואלדיגער שונא פאר אידן געווען.

---

[לא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"א.

[לב] עי' שיר השירים רבה ריש פרשה ד' "הנך יפה בתפלה", ופי' בעץ יוסף שם וז"ל; כי לולי תפלה ותחנה אין תורתנו מועילה, כי במקום לכלוך - התורה תועבה, ואנחנו מלאים לכלוך בעוה"ר לרוב עונות, אבל בתפלה ירחץ ה' את צואת בנות ציון...

איז געווען א איד וואס ער פלעגט טראגן איהם וואסער - פאר דעם גראף, און דער נודע ביהודה איז געגאנגען אינמיטן גאס - שבת, און יענער איד האט געטראגן וואסער, האט ער איהם געזאגט; "שטיי, גיי נישט ווייטער"! ער האט איהם אפגעשטעלט אז ער זאל קיין 'פיר איילן' נישט גיין!

זאגט ער איהם; "רבי, דאס איז דאך מיין פרנסה, איך טראג איהם וואסער שבת, איך וועל איהם נישט טראגן קיין וואסער - ער איז א רוצח, ער קען מיך הרג'נען אויך"! (זאגט איהם דער נודע ביהודה); "**זאג איהם אז 'איך' האב געהייסן 'נישט'**"! האט ער איהם נישט געבראכט קיין וואסער, איז דער גראף געווען אָן וואסער.

צומארגנס איז ער געקומען, האט ער איהם געוואלט שיסן! "פארוואס האסטו מיך נישט געבראכט קיין וואסער"? "**דער רב האט מיר געהייסן נישט**"! האט ער איהם גלייך געשיקט רופן, און ווען ער איז אריינגעקומען האט ער גלייך געהאלטן דעם ביקס אין די האנט, ער זאל איהם גלייך שיסן! ער איז אריינגעקומען, זאגט ער איהם, "**פארוואס האסטו נעכטן געהייסן 'נישט' טראגן וואסער**"? זאגט ער "די תורה הייסט 'נישט'! 'שיס'"! ער האט אויפגעהויבן דאס הארץ צו שיסן!

האט ער אוועקגלייגט דאס ביקס, "אזוי האב איך נאך נישט געזעהן פון אייערס א איד - אזא מסירת נפש"! אזוי האט ער איהם געזאגט דער גראף.

און ער האט איהם געזאגט אזוי; "אזוי ווי ער האט עפעס א וואלד, און ער האט עס שוין עטליכע מאל פארדונגען, און ווער ס'דינגט איהם, זשאלעוועט זיך ביז ער דערלייגט, אבער איך ווייס אז דער וואלד איז א גוטער וואלד, און מען קען דא פארדינען גוט, און אזוי ווי דו ביסט אזא מענטש, גיב איך דיר איבער דעם וואלד אויף דריי יאר"! פאר'ן נודע ביהודה.

*

(כאן חסר קצת, וההמשך הוא שאחרי תקופה אירע באותה עיר, שיצא רינון על אשה אחת, ובא הדבר לפני הבית דין ואסרו את האשה על בעלה) - - - דער 'נודע ביהודה', דער 'מאיר נתיבים', און 'רבי גרשון קיטוב'ער', זיי זענען געווען די דריי גדולים!

איז ער (- הבעל) אוועקגעלאפן צו דעם דאזיגן גראף, און געזאגט "אז זיי ווילן מיר אסר'ן דאס ווייב"! האט ער באפוילן אז דער וואס וועט אסר'ן דאס ווייב, וועט ער

פאר יעדן מאל אויסרופן דעם איסור באצאלן "צוויי הונדערט רענדלעך קנס", אדער "כאפן שמיץ"!

האט דער נודע ביהודה אויסגערופן דריי מאל 'אסור', 'אסור', 'אסור', און אוועקגעלייגט זעקס הונדערט רענדלעך, "נאדיר זעקס הונדערט רענדלעך", דאס וואס ער האט פארדינט (מאותו היער שקיבל במתנה כנ"ל), און ער האט זיך אנגערופן **"אזוי ווי איך האב באקומען די געלד ווייל חילול שבת, גיב איך עם אוועק"!**

- ער האט דאך איהם מונע געווען פון חילול שבת (- דעם וואסער טרעגער כנ"ל), "דערפאר האב איך דאך באקומען דאס געלד - גיב איך עם אוועק"!

און "רבי גרשון קיטוב'ער" איז אנטלאפן! איז ער געווען ביים פארקן (- איזה גדר), האט ער נישט געקענט אריבער, איז געקומען א גוי און איהם געהאלפן ארויסשלעפן דארטן א קורה'לע, און ער איז אריבער און אנטלאפן! ער האט אויך געזאגט 'אסור'.

דעם "מאיר נתיבים" - איהם האט מען געגעבן 'שמיץ'!

"רבי גרשון קיטוב'ער" איז אנטלאפן צום בעל שם, ער איז אריינגעקומען צום בעל שם, (אמר לו הבעל שם) **"דו האסט מטריח געווען אליהו'ן ער זאל דיר קומען ארויסרייסן דעם פארקן"?!**[לג]

האט זיך אמאל אנגערופן א תלמיד פונעם בעל שם הקדוש, "פון אזעלכע מענטשן רעדן מיר נישט! וואס דער נודע ביהודה איז געווען! ער האט אויסגעשטרעקט דאס הארץ פאר תורה"![לד]

ער האט אויסגעשטרעקט דאס הארץ מען זאלן איהם שיסן פאר תורה! "פון אזעלכע מענטשן רעדן מיר נישט"! זיי זענען געווען גדולים!

דער בעל שם האט א זאג געגעבן אמאל; **"אויף דעם דארן 'יחזקאל' שטייט א דריטל וועלט"!** - דער נודע ביהודה האט געהייסן 'רבי יחזקאל', "אויף דעם דארן יחזקאל שטייט א דריטל וועלט"! זיי זענען געווען געוואלדיג גרוים.

[לג] עי' שיש"ק ח"ו אות תקל"ג.

[לד] עי' שיש"ק ח"ו אות תק"כ.

פונדעסטוועגן, דער 'קיום' פון די וועלט איז טאקע געווען דורך זיי, די וועלט האט געהאט א קיום דורך זיי, אבער די וועלט איז געווען פראסט, גראב!

זיי זענען געווען 'דריי', מען האט זיי גערופן 'חכמי בראד', נאך דעם זענען זיי געווארן צושפרייט, דער "מאיר נתיבים" איז געווארן רב אין א אנדער פלאץ, און אויך "רבי גרשון קיטוב'ער" איז אוועק פון דארט.

(השואל, פארוואס איז דער נודע ביהודה אוועק קיין פראג?) **דאס איז שפעטער געוועזן, אבער בשעת זיי זענען געווען 'חכמי בראד', זענען זיי געווען אלע אין בראד, שפעטער איז ער געווארן רב אין 'פראג'.**

האט זיך אנגערופן - דאכט זיך מיר "רבי דוד מיקאלייעוו'ער" - ער איז געווען א תלמיד פונעם בעל שם הקדוש; **"פון אזעלכע גדולים רעדן מיר נישט! ער האט אויסגעשטרעקט דאס הארץ פאר תורה"!** ער איז געווען גרייט, דער גראף האט געקענט גלייך איהם שיסן, נאר ער האט אזא אמת געזעהן אין איהם - - -

(השואל, ווער איז געווען דער מענטש וואס זיי האבן געוואלט אסר'ן זיין ווייב?) **ווער ס'איז געווען? ס'איז געווען א רינון מיט עדות, ער איז געווען א שטארקער, איז ער אוועק צום גראף.**

*

אזוי גרויס זענען זיי געוועזן! אזוי גרויס דאס מסירת נפש אויף תורה! עפעס א קליינינקייט?!

אבער 'די וועלט' - די וועלט איז געווארן פראסט! און מלמעלה האט מען דאך געזעהן; "וואס וועט זיין אז דער גדול וועט אוועק, וואס וועט נאך דעם זיין? ווער וועט אונטערהאלטן די וועלט"?! האט מען אראפגעשיקט דעם 'בעל שם הקדוש', ער האט שוין א אנדער סדר געמאכט, מטהר געווען די אלע פראסטע מענטשן, און זיי מקרב געוועזן, די ארענדארעס, און זיי זענען געווארן (אנשים כשרים), ער האט אכטונג געגעבן!

*

# "שולחן ערוך"

(השואל; אבער ס'ווייזט אויס אז די חסידים זענען אביסל אראפ פון 'תורה'?!) **דאס איז געווען א שפעטערדיגע זאך, שפעטער, נאך דעם האט זיך געגעבן א לאז אראפ דאס חסידות, דאס איז א באזונדערע זאך שוין!**

ברוך השם דער רבי האט דאך געזאגט אזוי; **"איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט, און נישט טשעפענען קיין סעיף קטן אינעם שולחן ערוך"!**[לה]

דאס איז געווען ביים רבי'נס זאך! דאס איז דער איינציגער רבי וואס האט געזאגט אזעלכע ווערטער! "איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט און נישט טשעפענען קיין סעיף קטן אינעם שולחן ערוך".

ווען מיר זאלן האבן אן "איצטיגן רבי'ן" וואלט אויך אזוי געווען (שהיו נעשים שינויים וכו'), אבער מיר האבן דאך א רבי - "דעם פריער'דיגן רבי'ן"! דער "פריערדיגער רבי" איז אזא רבי וואס ער זאגט אזעלכע ווערטער, "איר מעג קנייטשן..."

וואו איז דא אין א חסיד'ישע שול מען זאל זיך שטעלן דאווענען 'א פערטל נאך זעקס' (בשבת)?! - היינט איז עס 'א פערטל נאך זיבן' - וואו איז דא א חסיד'ישע שול מען זאל זיך שטעלן דאווענען 'א פערטל נאך זיבן'?! פארוואס? ווייל דער "זמן קריאת שמע" איז 'א פערטל נאך אכט', שטעלט מען זיך א שעה פאר'ן זמן קריאת שמע!

דאס קען נאר זיין אין א 'ברסלב'ער - חסידישע שול'! אין אן אנדער חסיד'ישע שול איז דאס נישט דא! אין א חסיד'ישע שול - מען זאל זיך שטעלן דאווענען א שעה פאר'ן זמן קריאת שמע? דאס איז נישטא!

פארוואס? ווייל מיר האבן דעם "פריערדיגן רבי'ן" וואס ער האט אזוי געזאגט, "איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט, אבער נישט טשעפענען קיין סעיף

---

[לה] עי' שיש"ק ח"ב אות קל"א.

קטן אינעם שולחן ערוך"! און 'זמן קריאת שמע' איז א "סעיף גדול" פונעם שולחן ערוך, דאס איז נישט קיין "סעיף קטן"! א 'גרויסער סעיף' אין שולחן ערוך!!![לו]

(רבי נחמן בורשטיין, מספר מאיזה ביהמ"ד, א "חסיד'ישע שול", א גרויסע שול, וואס לאזט נישט מאכן קיין מנין פאר 8:30, בשום אופן! אז מען וויל דאווענען ביים זמן, מוז מען אראפגיין צו א ליטווישע שול!), מיר רעדן דען 'בפרט'? מיר רעדן 'בכלל', אזוי 'בכלל'!

*

# דעם רבי'נס 'חדר'...

למאי נפקא מינה? מיר רעדן דא פון 'זמן', דעם רבי'נס זאך איז נישט נאר דאס, ס'איז נאך זאכן דא ביים רבי'ן, נאר דעם רבי'נס זאך איז א געוואלדיגער אמת! (רבינו אמר); "**איך האב אין אייך ארייננעבראכט אסאך אמת**"![לז]

דארף מען זיך גוט ארייניגיין אין דעם חדר אריין! רבי נתן האט געזאגט אויף תורה ס"ו;[לח] "**דער רבי לערנט מיט אונז קמ"ץ אל"ף**"!

דארף מען גיין אינעם חדר אריין, אנהויבן לערנען איבער א נייעס אין 'חדר'! אנהויבן לערנען זיך וואס דער רבי לערנט, אי אינעם 'סדר היום', אי אינעם 'סדר הלילה'! אינעם 'סדר היום', אין אלעס, לערנען זיך, מען גייט דאך אין א חדר - דארף מען פאלגן דעם רבי'ן!

ס'מאכט זיך א אינגל מיט א שווערע קאפ, איז דער רבי טרייבט איהם נישט ארויס, אויב ס'איז א רבי א 'קפדן' טרייבט ער איהם ארויס פונעם חדר, אבער א רבי - נישט קיין קפדן - טרייבט ער איהם נישט ארויס!

---

[לו] עי' שו"ע אורח חיים סי' נ"ח סעיף א' - ו', וסי' רפ"א סעיף א' בהג"ה; ונוהגים שבשבת מאחרין יותר לבא לבהכ"נ מבחול. ובמג"א שם סק"א; **אבל מ"מ ממהרין לבא - כדי לקרות קריאת שמע בזמנה**. ועי' מחצה"ש שם. ועי' ביאור הלכה או"ח סי' מ"ו ד"ה כי לפעמים וכו', ובערוך השולחן סי' מ"ו סעיף ט"ו; **ויש אנשים שלכתחילה סומכים על זה בכל יום, להניח תפילין ולקרוא קריאת שמע כל השלוש פרשיות, ואחר כך מתפללים אחר זמן קריאת שמע. ודבר זה וודאי אינו נכון לבטל תקנת חכמים, והרי חכמים תיקנו לנו סדר הברכות והקריאת שמע והתפילה, ואיך נאמר לעשות זה אחר הזמן של קריאת שמע בקביעות, ורבותינו כשהתירו זה לא התירו רק במקרה, ולא בקביעות.**

[לז] עי' חיי מוהר"ן אות תקל"ח.

[לח] עי' שם ענין אות 'אלף' וענין 'נקודת הקמ"ץ', ועי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב ש"י ושע"ו.

'רב' - זאגט די גמרא - האט געזאגט צו 'רב שמואל בר שילת', ער איז געווען א מלמד - "**דקרי, קרי, ודלא קרי להוי צוותא לחבירו**"![לט] טרייב איהם נישט ארויס! דער רבי ברענגט עס אין די תורה ל"ה,[מ] "להוי צוותא לחבירו".

נו, ס'איז דא אזעלכע וואס פאלגן דעם רבי'ן מערער, אבער די וואס פאלגן נישט טרייבט ער אויך נישט אוועק! ער טרייבט זיי נישט ארויס! נו, חבר זיך מיט 'דעם', חבר זיך מיט 'דעם', וועסטו רעדן מיט 'דעם' - וועסטו אנהויבן מער פאלגן![מא]

דארף מען זעהן ס'זאל זיין ביי אונז חשוב דאס 'חדר', ס'איז א חשוב'ער 'חדר', און אוודאי בעטן דעם אויבערשטן; "האסט רחמנות געהאט אויף אונז אז מיר ווייסן פון אזא רבי'ן - זאלן מיר איהם פאלגן"! דאס אליין דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, "מען זאל איהם פאלגן"!

*

# 'כי מעלת ריבוי הלימוד עולה על הכל'

(חסר, וכנראה שמדבר פה שענין רבינו הוא תורה ותפילה ביחד) - - - **תפילה איז פון די "דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בה"** - האט דער רבי געזאגט - "**דערפאר קריגט מען אויף מיר, ווייל מיין זאך איז תפילה**".[מב]

דער 'ליקוטי מוהר"ן' הייבט זיך אן; "**דע שעל ידי התורה נתקבלין כל התפילות וכל הבקשות**", תיכף די ערשטע תורה! דורך תורה ווערן נתקבל די תפילות ובקשות, און דער חן ווערט אויפגעהויבן, "מעלה חן על לומדיה"!

וואו שטייט נאך אזא מין לשון ווי אין 'שיחות הר"ן'?![מג] מען זאל אזויפיל לערנען - אפלערנען אלע יאר ש"ס, רי"ף, און רא"ש, און אלע 'שולחן ערוך הגדולים', אלע 'ספרי קבלה'! און דאווענען בכוונה, און התבודדות!

---

[לט] עי' בבא בתרא דף כ"א ע"א.

[מ] עי' שם אות ט'.

[מא] עי' חיי מוהר"ן אות רע"א.

[מב] עי' שיחות רביז"ל שבסו"ס ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ג.

[מג] עי' שיחות הר"ן אות ע"ו.

ס'שטייט אזא מין לשון גאר; מען זאל אפלערנען "אלע יאר" ש"ס עם הרי"ף והרא"ש! וואו נאך שטייט אזא מין לשון?!

(השואל; ווי אזוי קען מען דאס טאקע מאכן? אנדערע זאגן מען זאל 'זאגן'?!) ניין, 'זאגן' הייסט נישט געלערנט! 'זאגן' הייסט נישט געלערנט![מד]

די זאך איז אזוי, ווען מען זאל 'היטן די צייט' א יאר צייט, נאר 'היטן די צייט', וועלן מיר זעהן אז ס'איז נישט שווער!

מיר האבן נאך נישט געפרואווט היטן די צייט! אונז דאכט זיך אז מיר היטן די צייט - מיר האבן נאך נישט געפרואווט היטן די צייט - וועלן מיר דעמאלטס זעהן!

און נאך דעם וועט דער אויבערשטער העלפן אז ס'וועט אריינגיין א 'ברכה' אויך, ס'וועט זיין א ברכה אויך, אזוי זעהט מען דאך - עס שטייט "**ואכלתם לחמכם לשובע**", זאגט רש"י; "**אוכל קמעה ומתברך במעיו**"![מה]

אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען היט די צייט - גייט אריין א ברכה, שענקט דער אויבערשטער א ברכה!

דער רבי ברענגט טאקע אין די מעשה פונעם 'פינעפטן טאג'[מו] - פון דעם 'חטוטרות' - "מיעוט מחזיק המרובה", און "ער נעמט ארוים למעלה מן המקום"!

און דער רבי זאגט;[מז] אז דער מענטש טוהט תשובה, איז ער "למעלה מן הזמן"!

אז דער אויבערשטער העלפט, אז דער מענטש היט די צייט, נאר ממש די צייט איז איהם נישט מספיק, שענקט מען איהם א מתנה פון "למעלה מן הזמן", ער האט ממש א מתנה פון "למעלה מן הזמן", א מתנה פון "למעלה מן המקום"! נאר ווען'זשע? אז ער היט די צייט! און אויבן ווייסט מען דאך - - -

*

---

[מד] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות י"ב (והוא גם בפתיחה לס' ביאור הליקוטים), ועי' מגן אברהם או"ח סי' נ' ס"ק ב'.

[מה] ויקרא כ"ו ה', ורש"י שם ד"ה "ואכלתם לחמכם לשובע".

[מו] עי' ספר סיפורי מעשיות - מעשה י"ג, ז' בעטלער'ס.

[מז] עי' ספר המידות תשובה חלק ב' אות א', ועי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ע"ט.

# 'העיקר והטפל'

(חסר, מביא הסיפור שכתוב בימי מוהרנ"ת)[מח] - - - ער איז געווען א 'מתמיד', אבער רבי נתן האט געזעהן אז ער איז גארנישט קיין מתמיד!

(רבי נחמן בורשטיין; ס'איז געווען 'ברוך דיין' דאכט זיך, אזוי שטייט אין 'ימי התלאות' צום סוף, איר האט דעם 'ימי התלאות'?) דער וואס האט עס, דארף עס אויך נישט האבן...

איך וועל אייך זאגן אזוי, אמאליגע יארן האט מען דעם 'ימי התלאות' נישט אפגעדרוקט!

און ס'איז געווען - וועדליג איך האב געקענט די ברסלב'ער חסידים - קען זיין אז זיי האבן גארנישט געוואוסט אינגאנצן די אלע מעשה'ס! און איך רעד פון די גרויסע ברסלב'ער חסידים! (השואל; "רבי מתתי'" למשל?) רבי מתתי' ווייס איך נישט, כאפ נישט אָן קיין נעמען!

נאר איך האב געקענט אסאך ברסלב'ער חסידים, זיי האבן נישט געוואוסט! און מען האט מקפיד געווען שטארק מען זאל אפילו נישט אויפשרייבן די זאכן, נישט נאר דרוקן, אויפשרייבן אויך נישט!

און זיי זענען געווען גרויסע ערליכע אידן, און זיי האבן געהאט די עצות פונעם רבי'ן, ס'האט זיי נישט אויסגעפעלט (המעשיות הנ"ל)!

היינט איז געווארן אזוי - אז מען מוז דאס האבן! און אלע שיחות מוז מען האבן! טוהן אנדערע עבודות זעהט מען גארנישט... דער תירוץ איז - ווייל אמאליגע אידן האבן גענומען דעם עיקר!...

ס'איז דא אזעלכע מענטשן, וואס איך ווייס נישט צו זיי לערנען ליקוטי מוהר"ן, און זיי זענען קלאר אין אלע 'שיחות', אין אלע שיחות זענען זיי קלאר אויסעווייניג, 'בעל פה'! (ר' נחמן בורשטיין; זיי זענען קלאר אין ליקוטי מוהר"ן דורך די 'שיחות'...) יא יא, (כמו שאומרים בהלצה על אחד שאמר); "פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון" - איז א פסוק אין בענטשן...!

*

[מח] ימי מוהרנ"ת ח"א אות פ"ג.

דו חידוש'סט זיך פונעם לערנען? (- איך יכולין ללמוד כ"כ בשנה אחד כלעיל), איך האב געקענט אינגעלייט וואס זענען געווען גרויסע לומדים, און ממש - זיי האבן געהאט א ברכה אינעם לערנען!

און א שיינער לערנען איז געווען ביי זיי, א הייליגער לערנען! אסאך געלערנט, געלערנט ש"ך מיט ט"ז, געלערנט אבן העזר מיט'ן חלקת מחוקק, און דאס איז א געוואלדיגער - דו ווייסט ווער דער 'חלקת מחוקק' איז געווען? פון 'ווילנא', א געוואלדיגער צדיק, א קדוש, דער 'חלקת מחוקק' פון ווילנא, א געוואלד! און דער סמ"ע, דער סמ"ע מיט'ן ש"ך - די "תרי צנתרי דדהבא", צוויי "כהנים גדולים", ביידע זענען געווען כהנים - - -

דאס איז א קלייניגקייט?! געלערנט און געלערנט, געענדיגט און אנגעהויבן, געענדיגט און אנגעהויבן - נישט קיין 'צוועלף יאר', נאר ווייניגער ווי 'זעקס יאר' אויך! (היו מסיימים כל הארבע שולחן ערוך עם הנושאי כלים).

זיי האבן געלערנט און געלערנט, און געווען קדושים וטהורים, און זיי האבן געקענט אויך, זיי האבן געהאט א שכל הישר, און א סברא ישרה!

*

# 'תורה בטהרה'

איך האב געזעהן ווי "מתתי'" איז געזעצן און געלערנט ט"ז מיט'ן ש"ך, געזעצן מיט אזא מין דבקות צום אויבערשטן, אזא למדן עצום געווען! אסאך רבנים זענען נישט אנגעקומען צו זיין בקיאות פון ט"ז מיט'ן ש"ך, און פרי מגדים און נאך!

ער האט 'געלערנט', 'געלערנט', נישט געקוועטשט א שטיקל דארטן לאנג, נאר געזעצן און געלערנט, 'געלערנט'!

(השואל; ער האט געלערנט אליין, צו מיט לייב'ן?!) לייב'ן האט נישט געקענט אזוי שארף פארשטיין אזוי ווי ער האט פארשטאנען, ער האט געלערנט!

אידן וואס זיצן און לערנען מיט אזא מין התמדה, איז דער 'אור התורה' האט אזא מין אור! - מען האט נעכטן גערעדט דארטן פון יצר הרע - דער 'אור התורה' וואס גייט ארויס פון אזא מין הייליגן מויל, דאס איז טאקע דער 'תבלין' אנטקעגן דעם יצר הרע!

*

דער מתתי' טאקע, דער מתתי' האט געקענט ארויפגיין צום רבי'ן אויפ'ן ציון א אנהויב נאכט, און נעמען א ליקוטי מוהר"ן, און אפליגן 'א גאנצע נאכט' מעמיק זיין אין א תורה, א גאנצע נאכט! מעמיק זיין אין א תורה א גאנצע נאכט, נאך דעם 'השתטחות' - - -

דו ווייסט וואס א מח דאס איז? וואספארא הייליג מח דאס איז?! ער איז ארויפגעגאנגען צום רבי'ן אויפ'ן ציון נאך מעריב, און אראפגעגאנגען דארטן צום דאווענען! (השואל; בקביעות?) נישט מיט קיין קביעות.

א מענטש האט אין זיך אזא מין מח, נעמען א ליקוטי מוהר"ן, און מעמיק זיין אין א תורה ביים רבי'ן אויפ'ן ציון! דארטן איז 'אמת', דארטן איז 'תורת אמת', א 'הייליגער מח', א 'הייליגער מענטש'! אזא מין מענטש - דאס איז גאר א אנדער זאך גאר!

ער איז געזעצן און געלערנט ט"ז מיט ש"ך - און דער מענטש האט א אנדערע 'ברכה' אין לערנען, דער מח איז 'שארף', דער מח איז 'גוט', און 'מכוון אל האמת', און ער האט געהאט טאקע סברות גלייכע, נישט קיין פאלשע סברות - העלפט איהם דער אויבערשטער! און דער גוף ווערט טאקע א 'גוף קדוש', א "גוף קדוש מגן עדן",[מט] דאס איז דער כח פונעם רבי'ן!

*

ער האט געלערנט אין ראדין, ביים 'חפץ חיים' האט ער געלערנט, בחור-ווייז, ער איז געווען אזא מין מתמיד, האט איהם דער חפץ חיים געזאגט; "מתתי', דו וועסט נישט קענען אויסהאלטן"! אזא מתמיד איז ער געווען!

און דער חפץ חיים האט איהם אזוי מכבד געווען, אזוי ווי מען איז מכבד א תלמיד חכם, דערפאר איז ער טאקע אוועק פון די ישיבה, ער האט נישט געקענט פארליידן וואס דער חפץ חיים איז איהם מכבד, איז ער אוועק פון די ישיבה!

(השואל; ער איז נאך נישט געווען קיין ברסלב'ער?) ניין, ער איז נאך נישט געווען, ער איז געווען א "קדוש מרחם אמו" - דער מתתי'.

---

[מט] עפ"י לשון רבינו ז"ל בליקוטי מוהר"ן תניינא תו' פ"ג.

דער חפץ חיים האט שוין געזעהן ווער ער איז, נישט נאר אין לערנען, ער האט געזעהן ווער ער איז - מתתי'ן, מען האט אנגעקוקט מתתי'ן האט מען שוין געזעהן וואס ער איז!

מען האט געזעהן אויף דעם אידן, ער פלעגט ארומגיין אין שול פאר'דבק'עט אין אויבערשטן, מיט א דבקות, דבוק אינעם אויבערשטן, דבוק אין תורה, דבוק אין תפילה, און דער מח האט משוטט געווען - - - אן אנדער סארט מענטש! א הייליגער מח, א הייליגער גוף.

(השואל; ער פלעגט לערנען פאר'ן עולם ליקוטי מוהר"ן?) **אמאל אמאל,** (ער פלעגט רעדן מיט מענטשן?) **יא יא! ער האט אסאך מחדש געווען, ער איז געווען א געוואלדיגער מחדש,** (אין רבי'נס זאך?) **יא!** (אין גרויסקייט פון רבי'ן פלעגט ער רעדן?) **יא! געוואלדיג גרויס, געוואלדיג גרויס!**

(השואל; אין פעלד פלעגט ער אויך גיין?) **ער איז געווען א געוואלדיגער מתבודד! נאר וואו ער האט געהאט התבודדות? - איך וועל אייך זאגן אזוי, אין אומאן איז געווען אסאך מענטשן וואס זענען געלעגן גאנצע נעכט ביים רבי'ן אויפ'ן ציון! זיי האבן געזאגט; "קיין העכערע סארט ארט איז נישטא"! און ווערליג איך געדענק - איז ער אויך פון די דאזיגע, אפגעלעגן גאנצע נעכט ביים רבי'ן אויפ'ן ציון!**

אזא איד אז מען האט געזעהן פאר די אויגן - א געוואלד, א געוואלד, א הויכער סארט מענטש!

*

# א 'דומיט' ביים רבי'ן!

"אליהו חיים" (רוזין ז"ל) זאגט מיר אז איך האב עס דערציילט - אבער איך געדענק נישט אז איך האב עס דערציילט - אז איך האב געזעהן אין חלום "רבי שמואל הילמאן", און ער האט מיר געזאגט; **"דארטן האט מען צוטוהן מיט אייערן א חסיד - מתתי', ס'רעש'ט דארטן מיט מתתי'ן, ס'רעש'ט דארטן"!**

אזוי זאגט ער - אז איך האב איהם אזוי דערציילט - איך געדענק עס נישט.

(השואל; ווער איז רבי שמואל הילמאן?) **איך פלעג לערנען נאך איהם משניות א גאנץ יאר, האב איך ביי משניות דערמאנט זיין נאמען, ער איז נפטר געווארן.**

איז ער געקומען, איך האב איהם געזעהן - (בחלום) ער איז געזעצן ביים משניות לערנען, און "רבי אלחנן" (ספעקטאר ז"ל) איז געזעצן לעבן מיר - אזוי אין חלום, און ער - רבי שמואל הילמאן - האט מיר געקוועטשט די האנט "איך זאל נישט זאגן", "איך זאל קיינעם נישט זאגן אז ער זיצט ביי משניות".

און רבי אלחנן איז געזעצן לעבן מיר - ביינאכט אין חלום איז אזוי געווען, נישט בהקיץ - האב איך נישט געקענט איינהאלטן זיך, און האב געזאגט "רבי אלחנן, איר זעהט ווער ס'זיצט דא"?! איז ער גלייך אוועק! אין חלום.

זאגט מיר "אליהו חיים" אז איך האב דאס דערציילט! און איך האב געזאגט די ווערטער, אז ער האט געזאגט - רבי שמואל; "ווער איז דער רבי מתתי'? ס'רעש'ט זיך אויבן מיט אייער'ס א מענטשן"! "מתתי', מתתי', מתתי'"! "ס'קאכט מיט דעם מתתי'"! איך געדענק נישט אז (איך האב עס דערציילט, אבער) דעם חלום געדענק איך יא.

*

(השואל; ווען האט מען אוועקגעשיקט רבי מתתי'?) תרצ"ח, ראש השנה צ"ט זענען זיי נאך געזעצן אין תפיסה!

ער איז געווען א הויכער סארט מענטש.

(השואל; שפעטער האט מען זיי שוין מער נישט געזעהן?) מען האט זיי פארשיקט - איך וויים וואו?! (השואל; קען נאך זיין אז ער לעבט נאך?) נע! חוץ דעם - רוסלאנד האט נישט פארשיקט אזעלכע מענטשן מען זאל לעבן!! - - - (חסר)

*

אזא געפיל ווי ער האט געהאט אינעם רבי'ן - אז מין - די חידושי אורייתא! און רעדן דאס גרויסקייט פונעם רבי'ן!

עס איז געווען אמאל ביי מיר, ווינטער אין די גרויסע פרעסט, אין די גרויסע גרויסע פרעסט, מיר זענען ארויסגעקומען פון מעריב, האט ער מיר אפגעהאלטן און אנגעהויבן רעדן חידושים, איך פיל ווי איך ווער פארפרוירן, ממש איך קען נישט איינשטיין, אינדרויסן פון דער שול, אינמיטן די וואך, און מתתי' רעדט חידושים, איך קען נישט אויסהאלטן, די פראסט איז גרויס, ממש - - -

איך זאג "מתתי', איך קען נישט" - - - און ער רעדט חידושים, די פראסט איז גרוים, ער רעדט חידושים! - - - (חסר קצת)

מתתי' איז דארט ביים רבי'ן א "דומיט"! (- 'דימאנט', אבן יקרה) - - -

ברוך השם, ברוך השם, פון וועלכע אידן מיר רעדן, רעדן פון זיי איז אויך א גרויסע זאך!

און דער איד האט געהאט אזא מין ביטול צום רבי'נס זאך, אזא מין ביטול צום רבי'נס זאך, און אזא מין הרגשה אינעם רבי'נס זאך!

* * *

## "ביים רבי'ן קען אויך אזוי זיין"...

(רבי נחמן בורשטיין; עפעס איינמאל האט איר דערציילט אז רבי נתן איז געגאנגען 'מנחם אבל' זיין מיט "רבי נחמן עוזר'ס", וואס איז געווען די מעשה דארט?)[נ] רבי נחמן עוזר'ס איז געווען א יתום, איז ער געוואקסן ביי רבי נתן'ען, רבי נתן האט איהם מגדל געווען, "המגדל יתום בתוך ביתו",[נא] און אז רבי נתן איז געגאנגען ערגעץ פלעגט ער מיטגיין מיט רבי נתן, א קינד לויפט מיט!

ווען רבי עוזר איז נפטר געווארן איז ער געווען א קליין אינגעלע, האט רבי נתן איהם מגדל געווען - - -

איז ער (- רבי נתן) געווען אמאל 'מנחם אבל' זיין, איז ער אויך מיטגעגאנגען, האט מען דארטן דערציילט - אז דארטן ביים בעל שם הקדוש'ס חברייא, זיי זענען אמאל אריינגעגאנגען מנחם אבל זיין, און זיי האבן גערעדט פונעם בעל שם, האבן זיי פארגעסן אז זיי זענען ביי אן אבל אין שטוב, און דער אבל האט פארגעסן אז ער איז איצטער אן אבל, און זיי זענען ארוים טאנצן! - די תלמידי הבעל שם, און וואס האבן זיי גערעדט? פונעם בעל שם!

---

[נ] מחשובי תלמידי מוהרנ"ת, נתגדל בביתו של מוהרנ"ת, בנו של רבי עוזר - גם הוא מגדולי תלמידי מוהרנ"ת - שנפטר בצעירותו.

[נא] עפ"י מס' מגילה דף י"ג ע"א.

**האט זיך אנגערופן רבי נתן; "ביים רבי'ן קען אויך אזוי זיין! אז מען רעדט פונעם רבי'ן זאל מען פארגעסן אז מען איז ביי אן אבל אין שטוב, און דער אבל זאל אויך פארגעסן"!**

"ביים רבי'ן קען אויך אזוי זיין! אז מען רעדט פונעם רבי'ן זאל מען אינגאנצן פארגעסן" - - -

(רבי נחמן בורשטיין; ער האט דאך עפעס געזאגט אויך, נייז?!) דארטן גערעדט פון די - "זוכר את בניו שהן שרויין בצער"[נב] - דאס מיינסטו?! דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיין 'מתוך שמחה', מען דארף נאכזאגן די זאך?! ביי אן אבל האט ער געקענט זאגן די ווערטער, אבער אזוי דארף מען זיין 'מתוך שמחה'!

*

(השואל; מסתמא איז רבי מתתי' געווען א יחיד אין זיין לערנען?) ער איז געווען א למדן! ס'איז געווען לומדים, אבער דאס איז אן אנדער סארט לערנען געווען!

ער איז געווען נאך פון פוילן א גרויסער למדן! נאך פון קליינערהייט איז ער געלעגן שטארק אין לערנען! ער איז געווען עפעס ממש א "קדוש מרחם אמו" - פון קליינערהייט, נאך איידער ער אז געווארן מקורב צום רבי'ן!

אז ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן - מיט אזעלכע כלים מיט אזא מח, מיט אזא כלי אז מען ווערט מקורב צום רבי'ן, האט דאס אנדערש צוגעשרויפט, אנדערש צוגעשרויפט!

(השואל; זיינע קינדער זענען אויך געווען חשוב'ע?) נעבעך געווען - ער האט געהאט איידעלע קינדער זייער, דער זוהן 'פישעלע' איז שוין געווען אביסל ווייטלעך - די קאמוניסטן דארטן, די קאמוניסטן, ימח שמם, ער האט חתונה געהאט טאקע - א שוחט געווען אין א קליין שטעטעלע, איז ער שוין געווען אביסל - אבער ער האט זיך נאך געהאלטן, נאר ער איז שוין אביסל געווען מאדערנער.

---

[נב] הכוונה (עפ"י שיחת רלוי"צ במקו"א) שמוהרנ"ת ניחם אז את האבלים עפ"י מאמר רבותינו ז"ל (ברכות נ"ט ע"א) "בשעה שהקב"ה זוכר את בניו שהן שרויין בצער בין האומות וכו', ומוריד שני דמעות לים" וכו'. ופירש זאת באופן זה, שמה שזוכר הקב"ה את בניו, הוא מחמת שהם שרויין בצער, כי נשלטים ע"י האומות, ומחמת צערם נזכר בהם להושיעם, והתכוון לנחמם שמחמת צערם עתה יזכור אותם הקב"ה לטובה!

די טאכטער איז געווען - לעכטיגע קינדער האט ער געהאט, אלעם אומגעקומען ביי היטלער'ן, מען האט גע'הרג'עט די ווייב, מען גע'הרג'עט די קינדער, אלעם - ביי היטלער'ן!

די וואס זענען געבליבן לעבן פון אונזערע לייט פון די 'תפיסה', זענען זיי גע'הרג'עט געווארן ביי היטלער'ן, פון היטלער'ס הענט איז כמעט קיינער נישט ארוים.

(השואל; רבי געצע'ס פרוי איז אויך אזוי?) אלע רבי געצע'ס (משפחה), אלע, אין איין טאג האט מען אוועקגע'הרג'עט דריי און צוואנציג טויזנט מענטשן - היטלער, אויך פון יענע זייט דארטן, אין די נייע שטאט דארטן איז דא גרויסע גריבער דארטן (ששם נהרגו ונקברו יהודי אומאן, השם יקום דמם מהרה).

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **צבי יוסף וואסילסקי** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב** | מוה"ר **נתן וואסילסקי** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת הנכד למזל טוב** | מוה"ר **אברהם משה שווארץ** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת הנכד למזל טוב** | לע"נ ר' **אברהם** ע"ה ב"ר **משה דוד** הי"ו **גערטץ**<br>נלב"ע א' דר"ה<br>תשע"ט, תנצב"ה |

| | |
|---|---|
| מוה"ר **שמואל גוטמאן** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל יומדה"ל של הרה"ק רבי ר' אלימלך ב"ר אלעזר ליפמאן מ'ליזענסק זי"ע, כ"א אדר.** | לעילוי נשמת הרב **אלעזר מרדכי** ב"ר **גדלי' אהרן** ז"ל **קעניג**<br>נלב"ע כ"ג טבת תשע"ט, תנצב"ה |